# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וישלח, ט"ז כסלו, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 11 (371)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:17
מוצאי שב"ק......................5:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................ירמיה מ'-מ"א
בבלי.........................מנחות ק"ו
ירושלמי.....................דמאי ז'
תוספתא.......כלים ב"ב פרק א'
רמב"ם.....................בכורים ט'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים לְפָנָיו** — דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז "יוֹם" - מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ הַיינְט אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", אוּן דִי זֶעלְבֶּע טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מָארְגְן וַוייל מֶען טְרַאכְט: "עֶס וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן פוּן הַיינְט אֵייבִּיג נָאר גוּטְס". אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. וַוייל אוֹיף אֵיין טָאג קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פָּארְנֶעמֶען צוּ טוּן אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין; וֶוען עֵשָׂו, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, קוּמְט טְשֶׁעפֶּענֶען יַעֲקֹב דֶעם אִיד, אִיז דִי עֵצָה **וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים**, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "יוֹם" - מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַצְלִיחַ זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיִּשְׁלַח תש"ע לפ"ק)

***

**כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי**, זָאגְט רַשִׁ"י **גַּרְתִּי** אִיז בְּגִמַטְרִיָּא תַּרְיַ"ג, יַעֲקֹב הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעוואוֹינְט מִיט לָבָן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"א) אַז אַמָאל אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְוֹת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע גֶעמְט עֲבֵירוֹת אוּן עֶר מַאכְט דָאס אוֹיסְזֶען וִוי עֶס אִיז מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן **"לָבָן"** - דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס טוּט זִיךְ אָן "וַוייס", עֶר מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר וִויל נָאר מִצְוֹת.

אֵיינְס פוּן דִי וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע נִיצְט, אִיז צוּצוּלֵייגְן מֶער מִצְוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט אִים אוּן עֶר טוּט מֶער וִויפִיל עֶר דַארְף, טוּט עֶר נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט, וִוי דִי תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן **לֹא תוֹסִיף עָלָיו** - זָאלְסְט נִישְׁט צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, כְּדֵי **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ** - כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען נָאכְדֶעם אַרָאפְּנֶעמֶען.

דָאס הָאט יַעֲקֹב גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַאר עֵשָׂו, פַאר דֶעם יֵצֶר הָרַע, **עִם לָבָן גַּרְתִּי**, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אֲפִילוּ גֶעקֶענְט פַארְמֶעסְטְן מִיט דִי יֵצֶר הָרַע וָואס הֵייסְט לָבָן, **"וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי"** אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן "נָאר" דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן זַיינֶע צוּגֶעלֵייגְטֶע מִצְוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ב)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִין מוֹיל

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חַזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אוּן דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. אוּן דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל אוּן עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִּים אוּן יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה מִיט דִי

<<<<<<

## א גוט ווארט

לֵייג אַוֶועק אַלֶע וָואכֶעדִיגֶע זַאכְן אוּן זֵיי מְקַבֵּל שַׁבָּת וִוי עֶס פַּאסְט; מוֹהַרָא"ש הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוֹיף דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת כג:): "מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת סִימָן יָפֶה לוֹ", אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דָאס אַ גוּטֶע סִימָן; זָאגְט עֶר אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף מְסַדֵּר זַיין אוּן לֵייגְט אַלֶעס אַוֶועק כְּדֵי צוּ מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין - אִיז דָאס אַ גוּטֶער סִימָן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיֵּצֵא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## כ'קֶען נִישְׁט קוֹיפְן תְּפִלִּין פַאר מַיין בַּר מִצְוָה בָּחוּר, אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק אוֹיף כִּיבּוּד אֵם

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַזוֹי ווִי מְ'פִירְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב צוּ קוֹיפְן פַארְ'ן בַּר מִצְוָה בָּחוּר צְוֵויי פָּאר תְּפִלִּין, סַיי רַשִׁ"י אוּן סַיי רַבֵּינוּ תַּם, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט אֲפִילוּ צוּ קוֹיפְן רַשִׁ"י תְּפִלִּין פַאר מַיין בָּחוּר, זָאל אִיךְ גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט אִים צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אוֹיךְ רַבֵּינוּ תַּם?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶועגְן מַיין מַאמֶע, זִי אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אוּן סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ אִיךְ טוּ וָואס שְׁמֶעקְט פוּן בְּרֶסְלֶב רֶעגְט אִיר זֵייעֶר אוֹיף, לְמָשָׁל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאכְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ ווִיל קוֹיפְן צְוֵויי פָּאר תְּפִלִּין פַאר מַיין בַּר מִצְוָה בָּחוּר.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דֶעם, בִּפְרַט אִין אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים (עַיֵּין בְּסֵפֶר שֻׁלְחָן הַטָּהוֹר סִימָן לד, סְעִיף א) וָואס הַאלְטְן אַז אוֹיבּ מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִּין דְרַבֵּינוּ תַּם גֵייט מֶען אַרַיין אִין כְּלַל פוּן 'קַרְקַפְתָּא דְלָא מָנַח תְּפִילִין'; בִּפְרַט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵייגְן תְּפִילִין בַּיי דִי 'בַּר מִצְוָה' זָאל מֶען אָנְטוּן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין – רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַלֶע דוֹרוֹת (עַיֵּין בְּסֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק אוֹת ס"ד). מְמֵילָא אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה צִי דוּ זָאלְסְט קוֹיפְן פַאר דַיין זוּן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ה' אוֹת כח): "וְעַל כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ' צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם", וֶוער עֶס ווִיל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן קוּק אַרַיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער (אוֹת כט): "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ

<<<<<<

>>>>>>

שְׁטֶערְנְס. אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן?! דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוּישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חַזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען ווִי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וּשְׁנַיִם גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער ווִי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט דַיין פָּשׁוּטֶע תְּפִלָּה?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת. יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אִין זַיין מוֹיל, אוּן עֶר קֶען בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. תְּפִלָּה אִיז ווִי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הַאקְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מִיר לַאנֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי כֹּחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן מִיר זֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, דַאן קֶענֶען מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער, שְׁנֶעלֶער אוּן גְרִינְגֶער פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס.

בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זי"ע הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "דֶער 'שָׂרָף' פוּן סְטְרֶעלִיסְק", וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְלַאם פֵייעֶר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דַאוֶוענֶען אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען אוּן פֵייעֶר. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גוֹי'אִישֶׁער פְּרִיץ אוּן גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶוענֶען, דֶער פָּרִיץ אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען.

נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער פְּרִיץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ קְלֶער אַז אוֹיבּ זֶענְט אִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת נָאךְ אַזַא דַאוֶוענֶען, וֶועט אִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת". עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דֶער צַדִּיק הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן פֵייעֶר אוּן עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם מָשִׁיחַ'ן, וֶוער דֶען וֶועט קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן דִי יְשׁוּעָה? הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זַיין גָארְטְן גָאר אַ גְרוֹיסְן אוּן דִיקְן בּוֹים, מַמָּשׁ אֵיינְס אִין דִי וֶועלְט. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים אוּן בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן אוּן גָארְטֶענֶעס, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם בּוֹים, אוּן דֶעריבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען בַּאוַוייזְן אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, וֶועט בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע בַּאלוֹינוּנְג פוּנֶעם קֶענִיג.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים אוּן שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן לַאנְד, טֶעג אוּן נֶעכְט הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט אוּן פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, עֶס אִיז זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, דֶער בּוֹים אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס אוּן דִיק אַז אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען.

בְּלוֹיז מִיטְ'ן מוֹיל קֶען יֶעדֶער אִיד אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶלְ'ט גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

נָאכְ'ן אַרְבֶּעטְן טֶעג אוּן וָואכְן אוֹיפְ'ן בּוֹים אָן קַיין שׁוּם עֶרְפָאלְג, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהוֹיבְּן הֶענְט, אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן קֶענִיג אַז דֶער בּוֹים קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁנַיידְן. אוּן דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶער בָּחוּרְ'ל אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים...

אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אוֹיבּ דִי גְרוֹיסֶע פֶּעסְט-גֶעבּוֹיעֶטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ, אַ אִינְגֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּרְ'ל, עֶס קֶענֶען דוּרְכְפִירְן?"

דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, אוּן מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, הָאט זִיךְ דֶער בּוֹים אוּנְטֶער גֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן...

דֶער קֶענִיג מִיט דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי דֶער בָּחוּר הָאט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה. דֶער בָּחוּר הָאט זֵיי אָבֶּער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. "אִיךְ הָאבּ

<<<<<<

>>>>>>

בַּאמֶערְקְט אַז אִין דִי טֶעג אוּן וָואכְן וָואס דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן גְעאַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן בּוֹים, אִיז שׁוֹין דֶער בּוֹים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גְעוָוארְן, אוּן יֶעצְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל הַאקְן, קֶען מֶען עֶס גְרִינְג אַרָאפְּנֶעמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ מִיט אַ הַאמֶער, נָאר דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעהוֹיבְּן הֶענְט אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ'ס, אוּן אֶפְשַׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע מַצְלִיחַ גְעוֶוען".

"דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין גָלוּת" - הָאט דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק מַסְבִּיר גְעוֶוען פַּארְ'ן פָּרִיץ - "מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט, גֶעבְּט עֶר נָאךְ אַ הַאק אוֹיפְ'ן בּוֹים. דִי גִיבּוֹרִים - דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים - גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פוּן דִי גְאוּלָה, הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט דֶעם כֹּחַ אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן דֶעם בּוֹים, זֵיי שְׁוַואכְן עֶס אָבֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפּ. וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער דוֹר וֶוען מָשִׁיחַ דַארְף שׁוֹין צוּ קוּמֶען, דַאן וֶועלְן אֲפִילוּ פְּשׁוּטֶע אִידְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם כֹּחַ אִים צוּ בְּרֶענְגֶען, וַוייל זֵיי קוּמֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט דִי אַלֶע יָארְן. זֵיי וֶועלְן נָאר זִיךְ דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן נִישְׁט הוֹיבְּן דִי הֶענְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה".

אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן וָואס הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן (כּוֹכְבֵי אוֹר, מַעֲשִׂיּוֹת וּמְשָׁלִים) וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז מָשִׁיחַ הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי אִידְן אִין דִי צַייט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מִיר וֶועלְן הַיינְט יָא זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל צוּ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְד וָואס אִיז גְעוֶוען גָאר שְׁטַארְק בַּאפֶעסְטִיגְט, אוּן וִויפִיל שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן מֶען הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְגְט זֵיי אַיינְצוּנֶעמֶען, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּפַאלְן. בִּיז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן אַלְטֶע אוּן שְׁוַואכֶע לַייט מִיט פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס יָא אַיינְגֶענוּמֶען. וַוייל נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דֶעם מוֹיעֶר, אַז מִיט אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג הָאבְּן עֶס שׁוֹין דִי שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאזִיגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז פִיל גְרִינְגֶער צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַיינְנֶעמֶען אוּן בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעאַרְבֶּעט פַאר אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִיזוּק פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט, גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט, דַארְף עֶר אָבֶער וִויסְן דֶעם אֱמֶת אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט גְעוֶוען אוּמְזִיסְט, עֶס הָאט זִיכֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְנֶענְטֶערְט דִי יְשׁוּעָה, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם שֵׂכֶל נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיטְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין יְשׁוּעָה שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן דֶעם מוֹיעֶר אוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹים, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט פוּן אָרְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ גִלוּי אֵלִיָהוּ, גִיבּוֹר, רְפוּאָה)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (יד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט פִיל גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.**

**עח**

אֵיינְמָאל סוֹף יָמָיו הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען אִיז נָאר גְעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר הָאט פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִילִים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, אוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט גְעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן פוּן מִיר דָאס וָואס אִיךְ בִּין יֶעצְט, אַז אִיךְ וֶועל וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין אַ גַאנְצֶע יָאר". דָאס מֵיינְט אַז עֶר וָואלְט זִיךְ פִיל מֶער אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ רֶעדְן נָאךְ מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין אַ גַאנְצֶע יָאר.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ גָאר פָּשׁוּטֶער אִיד, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אֵיי אֵיי פְּרָאסְטַאק", וִוי עֶר בֶּענְקְט צוּ דֶעם צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן גְרוֹיסֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, נָאר זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶע שְׁפְּרַאךְ וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן זֵיי אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶע שְׁפְּרַאךְ.

**עט**

אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט אִין דִי עֲבוֹדָה, צוּ רֶעדְן גָאר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז סְ'אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶעמָאלְט דָאס צוּ טוּן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען אוּן גָארְנִישְׁט גֶעפִילְט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל.

עֶר הָאט דַאן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאוַוייזְן פַאר אִים, אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דַאן הָאט אִים פַּאסִירְט דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ נֵס.

אֵיינְס אִיז גְעוֶוען אַז אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גְעוֶוען דָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַ גְרוֹיסֶער צֶלֶם, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גְעוֶוען דִי סֵדֶר פוּן דִי גוֹיִים דֶעמָאלְט צוּ לֵייגְן אִיבֶּערָאל אַ שְׁתִי וָעֵרֶב, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי דֶערְפְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם, עֶס הָאט אִים מְבַלְבֵּל גְעוֶוען צוּ זֶען דֶעם

<<<<<<

>>>>>>

בְּיָמֵינוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָשׁ בַּיי דִי גְאוּלָה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרוֹיס פוּן גָלוּת, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם, אַזוֹי וִוי אַלֶע אֶמֶת'עֶ צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מַחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַבֵּר זֶעעֶנְדִיג וִוי זַיין סוֹף קוּמְט שׁוֹין, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִלִין זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט אִים; קוּק נָאךְ אִינֶעוֵוייגִיג דִי גַאנְצֶע אוֹת וֶועסְטוּ זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלִין דְרַבֵּינוּ תַּם.

בְּנוֹגֵעַ דַיין מַאמֶע וְכוּ'; דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אִיז אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - דָאס אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוֹיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

זַיי אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד; דוּ טְרָאגְסְט אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת, דוּ טְרָאגְסְט אוֹיף דִיר דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען אוּן מֶענְטְשְׁן קוּקְן אוֹיף דִיר וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִיק.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיִּשְׁלַח תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

צֶלֶם אִין דִי צַייט וָואס עֶר שְׁפַּאצִירְט דָארְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דַאן הָאט זִיךְ דֶער צֶלֶם פְּלוּצְלִינְג צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן צוּ דֶער עֶרְד.

דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעבְּן טַייךְ, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ פִּישׁ אִין טַייךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי פִּישׁ זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל דַארְפְן אַרַיינְוַוארְפְן אַ נֶעץ, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

דִי דְרִיטֶע אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט זַייעֶר גֶעוָואלְט זֶען אַ מֵת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן. עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶען אַ מֵת.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אִין זַיין צִימֶער אִין זַיין שְׁוֶוער׳ס הוֹיז, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶעמָאלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מֵת, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַ מֵת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאךְ גָאר יוּנְג גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן וִוי דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אִיז דֶער מֵת גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע. אוּן פוּן גְרוֹיס פַּחַד הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זַייעֶר צוּ שְׁרַייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת, דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן הֶערְנְדִיג דִי גֶעשְׁרֵייעֶן, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין צִימֶער וַוייל סְ׳אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן פוּן אִינֶעוֵוייניג. בִּיז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּם סוֹף צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר אוּן אַרַיינְקוּמֶען, אוּן דַאן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי בַּארוּאִיגְט.

**פ**

אִין יָאר תקמ״ז לפ״ק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי׳ן אַ מֵיידְל, אוּן עֶר הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן אָדְל, אוֹיפְ׳ן נָאמֶען פוּן זַיין בַּאבֶּע, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

**פא**

כָּאטְשׁ וָואס דֶער וֶועג פוּן אוֹסְיַאטִין קַיין מֶעזְעבִּיזְשׁ אִיז גֶעוֶוען גָאר וַוייט, מֶער פוּן 350 קִילָאמֶעטֶער, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְפָארְן פוּן צַייט צוּ צַייט קַיין מֶעזְעבִּיזְשׁ, צוּ בַּאזוּכְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ צוּ זַיין אוֹיפְ׳ן צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

**פב**

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיטְ׳ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, זַייעֶנְדִיג בַּיי זַיין שְׁוֶוער ר׳ אֶפְרַיִם אִין דָארְף אוֹסְיַאטִין, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ מָאל פָארְן צוּם נָאנְטְן דָארְף סַאמִילֶע, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער קֶבֶר פוּנֶעם בַּאקַאנְטְן צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה מִיַאנוֹב ז״ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן דֶעם צַדִּיק פַאר אַ שָׁלִיחַ צוּ גֵיין מוֹדִיעַ זַיין פַארְ׳ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע דִי בַּקָּשָׁה וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט. אוּן אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר מַאכְן דֶעם צַדִּיק אַ שָׁלִיחַ צוּ גֵיין צוּ זַיין זֵיידְן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער ז״ל וָואס לִיגְט אִין טְבֶרְיָה.

**פג**

וֶוען עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי יְשַׁעְיָה מִיַאנוֹב ז״ל, פְלֶעגְט עֶר דָאס טוּן גָאר פְרִי פַארְטָאגְס, נָאךְ אֵיידֶער דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן. עֶר פְלֶעגְט צָאלְן אַ סוּמֶע גֶעלְט פַארְ׳ן בַּעַל עֲגָלָה פוּן זַיין שְׁוֶוער, אַז עֶר זָאל פָארְן מִיט אִים יֶעדְן פַארְטָאגְס אִין דִי ווִינְטֶער טֶעג, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּרִיק נָאךְ אֵיידֶער סְ׳אִיז גֶעוָוארְן טָאג, אַזוֹי הָאט זַיין שְׁוֶוער גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט עֶפֶּעס פוּן דִי רֵייזֶע.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז זַיין שְׁוֶוער הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דִי פֶערְד זֶענֶען זַייעֶר פַארְשְׁוִויצְט אִינְדֶערְפְרִי, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה אִיבֶּער דֶעם, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת.

**פד**

אִין יֶענֶע יָארְן, גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז נָאךְ אֲפִילוּ גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, פְלֶעגְט עֶר זַייעֶר אַסַאךְ פַאסְטְן, אוּן אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן צוּמָאל הָאט עֶר גֶעפַאסְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן נָאכַאנַאנְד מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת.

כָּאטְשׁ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלְס אַ גֶעצֶערְטְלְט קִינְד, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר מָאגֶער, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעשׁוֹינְט אוֹיף זַיין קֶערְפֶּער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען אוּן גֶעפַאסְט. עֶר פְלֶעגְט פַאסְטְן אַכְצְן מָאל אַ יָאר מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת.

**פה**

קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן דִי תַּעֲנִיתִים וָואס עֶר פַּאסְט, אֲפִילוּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן קְרוֹבִים. נָאר זַיין וַוייבּ הָאט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט אִיר בַּאשְׁוואוֹירְן אַז זִי זָאל דָאס נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט.

עֶר פְלֶעגְט טוּן אַלֶע סָארְט פְּעוּלוֹת אוּן תַּחְבּוּלוֹת צוּ בַּאהַאלְטְן זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעווּאוּיר וֶוערְן אַז עֶר פַּאסְט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## ״חינוך און נחת אוונט״ קומענדיגע וואך אין ״בית פיגא״

די קומענדיגע וואך מיטוואך פ׳ וישב וועט אי״ה פארגעקומען די ״חינוך און נחת אוונט״ אין סקול, וואו עס וועלן זיך צוזאם געקומען די עלטערן פון די תלמידות, איבערצושמועסן מיט די מחנכות, צו שעפן נחת איבער די הצלחה פון די קינדער. ווען די עלטערן ארבעטן אינאיינעם מיט די מחנכים איז דאס די גרעסטע טובה פאר די קינדער.

ווי אויך ווערן געלאדענט צום ״חינוך און נחת אוונט״ די מאמעס וואס האבן נאר אינגלעך אין חדר, און אלע פרויען פון אנשי שלומינו, זיך צו שטארקן אינאיינעם אין חינוך הילדים, צו הערן עצות און חיזוק ווי אזוי זיך אפצוגעבן מיט די קינדער ווי עס דארף צו זיין, און זיי מחנך זיין על דרכי התורה והיראה.

דער אוונט וועט בעז״ה זיין גאר א געשמאקער, גאר א שיינע פראגראם איז צוגעגרייט מיט דרשות און סליידס, פון וואס די חשובע מאמעס וועלן זיכער זייער הנאה האבן.

ביים אוונט ווערט אויך פארטיילט די ״נחת רעפארט״ קארטלעך פון יעדע מיידל, אין וואס עס איז אריינגעשריבן די גוטע חלקים פון יעדעס קינד, ווי אזוי יעדעס קינד איז די בעסטע און צייכנט זיך אויס יעדע באזונדער לויט אירע מעגליכקייטן.

דער אוונט וועט פארקומען מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף דעם קומענדיגן מיטוואך אום 8:30 אוונט, אינעם נייעם בנין פון די סקול, אויף 160 Franklin Ave.

**חנוך לנער על פי דרכו!**

***

## שיינער סיום אויף מסכת פאה תלמוד ירושלמי

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב״ק איז פארגעקומען א שיינע סיום אויף מסכת פאה פון תלמוד ירושלמי, וואס ווערט פארגעלערנט טעגליך דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א, יעדן אינדערפרי נאך א דף.

דער סיום איז פארגעקומען אין הויז פון מו״ה יעקב לעסער הי״ו, די משתתפים ביים שיעור זענען זיך צוזאמגעקומען צו א רייכע סעודת מלוה מלכה, מען האט געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט״א וואס האט ארומגערעדט איבער די וויכטיגקייט צו האבן א שיעור תורה יעדן טאג, און די ספעציעלע מעלה פון לערנען תלמוד ירושלמי, וואס איז ווי א בחינה פון א מת מצוה, ווייניג אידן זענען עוסק אין דעם.

דערנאך האבן גערעדט עטליכע משתתפים, מען האט געזינגען זמירות, און אהיימגעגאנגען מיט פרישע כוחות אויפצושטיין דעם קומענדיגן אינדערפרי צייטליך, צו קענען מיטהאלטן דעם הערליכן שיעור.

מ׳קען אויך הערן דעם שיעור יעדן טאג אויפ׳ן ״קול ברסלב״ טעלעפאן ליין, זעט די נומערן צום ליין, דא אונטן אויפ׳ן גליון.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## נייער בנין פון היכל הקודש, צענטער פונקט פאר נייער הערליכער רואיגער אידישע געגענט אין אומאן

לעצטענס האט זיך אנגעהויבן אנצוזען א גרויסע אינטערעסע ביי אידן צו קויפן שטחים אין די געגנט פונעם נייעם בנין אין אומאן, ארויס פון די רוישיגע געגנט גאר נאנט צום ציון, וואו עס איז נאך דערווייל פארהעלטענסמעסיג ביליג.

דער נייער בנין ווערט געזען צו זיין דער צענטער פון א נייער רואיגער אידישע געגענט פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס קומען אויף ראש השנה צו ווײלן ביים הייליגן רבי׳ן אין אומאן.

עס איז מערקווערדיג אן אינטערעסאנטע פאקט וואס איז לעצטענס באריכטעט געווארן אין די אוקריינישע פרעסע, אז א לאט אין אומאן נעבן דעם ציון הק׳ איז די טייערסטע צו קויפן פון גאנץ אוקריינע, אריינגערעכט דער הויפט שטאט קיעוו.

**הראש השנה שלי עולה על הכל!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה שמואל בלעדי הי״ו**

מזכה את הרבים עם ה״חיזוק יומי המתורגם״

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה שמחה סאלז הי״ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה שמואל דוד ברוין הי״ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו׳ הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**